ב"ה



# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ח אייר תשס"ו

## פרשת במדבר

*טייערע קינדער שלוחים,*

*וואס מיינט איר איז די וויכטיקסטע זאך פאר אייערע עלטערן? זיכער אז איר, זייערע קינדער, זאלן זיך פירן שיין איינער צום צווייטן. יעדע מאמע און יעדער טאטע וויל אז זייערע קינדער זאלן זיין גוטע פריינט. דאס איז ווערט מער ווי אלעס געלט אין דער וועלט.*

*קינדער, די וואך איז שבת מברכים חודש סיון, דער חודש פון מתן תורה. ראש חודש סיון זיינען די אידן געווען צוזאמען – "כאיש אחד בלב אחד" ווי איין מענטש מיט איין הארץ. נאר נאך דער דאזיגער הקדמה איז דער אויבערשטער געווען גרייט זיי צו געבן די תורה. ביי דעם אויבערשטען איז אהבת ישראל די וויכטיקסטע זאך אין דער וועלט. קינדער, לאמיר ארויסנעמען די הוראה פאר אונז, און שטארקן זיך אין דעם ענין פון אהבת ישראל (אהבת ישראל מיינט אויך די אייגענע ברידער און שוועסטער!) און אזוי זיין גרייט אויף מקבל זיין די תורה פונדאסניי דעם חג השבועות, און אויך אויף צו מקבל זיין די תורה חדשה פון משיח'ן בקרוב ממש!*

*א. וועכטער*



## שבת מברכים ראש חודש

### דער שבת איז שבת מברכים סיון

- איך האב געזאגט תהלים שבת אינדערפרי.
- איך בין געגאנגען אין שול און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש.

### ראש חודש סיון זונטאג, א סיון

- איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- איך האב געדאווענט מוסף
- איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- (פאר מיידלאך) איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער פרייטאג

*געדענקט קינדער, אז די ערשטע צוועלף טעג פון דעם חודש זאגט מען ניט קיין תחנון. מען הויבט אן נאכאמאל זאגן תחנון י"ג סיון.*

## לעבן מיט דער צייט



### <u>פרשת במדבר</u>

### מנין בני ישראל

אין פרשת במדבר רעדט זיך וועגן דעם מנין פון בני ישראל, ווי דער אויבערשטער ציילט אידן.

איז לכאורה ניט מובן: דער אויבערשטער ווייס דאך זיכער די צאל פון אידן, איז צוליב וואס דארף ער זיי ציילן?

איז ידוע וואס רש"י איז מבאר, אז דאס ציילן פון אידן איז צוליב זייער חביבות: צוליב דער ספעציעלער ליבשאפט צו אידן, ציילט ער זיי שטענדיק ("כל שעה").

וואס דאס איז א זאך וואס אפילו א קליין קינד פארשטייט, אז בשעת ער האט א זאך וואס ער האט ליב, ווי למשל זיינע "טאיס" (צאצקעס), האלט ער זיי אין איין ציילן, עס זאל קיין איינע פון זיי ניט פעלן.

און אזוי איז אויך כביכול בנוגע צו אידן: צוליב דער גרויסער ליבשאפט פון אויבערשטן צו אידן האלט ער אין איין ציילן זיי, כדי צו באווייזן אלע עמי הארץ, און זיכער צו אידן אליין– אויף ווי אלץ טיפער ער האט ליב יעדן אידן און אלע אידן.

און דאס גיט שטארקייט צו א אידן, אין די צייטן פון גלות, צו קענען איבערקומען אלע שוועריקייטן און מוסיף זיין אין אלע זאכן פון תורה און מצוות, וויסנדיק אז אויך אין גלות איז דער אויבערשטער מיט אים, און ווייזט ארויס פאר אלעמען זיין גרויסע ליבשאפט צו אידן.

און די ליבשאפט וועט זיין נאכמער אנטפלעקט, ביז צו דער גרעסטער "התגלות" (אנטפלעקונג) - לעתיד לבוא, ווען אידן וועלן ארויסגיין פון גלות, וואס דעמאלט וועט דער אויבערשטער ווידער ציילן אידן, ווי עס שטייט אין מדרש אז דאן וועט זיין דער "מנין העשירי".

*(פון "דער רבי רעדט צו קינדער" – שיחת ל"ג בעומר תשד"מ)*

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# דעם חסידישן לוח

## ג׳ סיון

### די צוגרייטונגען צו מתן תורה בפועל ממש

ג׳ סיון איז דער ערשטער פון די ״ימי הגבלה״. נאך דעם ווי אין צווייטן טאג פון חודש (צו מארגנס פון ראש חודש) האבן אידן געזאגט ״נעשה״, אז זיי נעמען אויף זיך צו טאן וואס דער אויבערשטער וועט הייסן - איז גלייך אויף מארגן, אין דעם דריטן טאג פון חודש (און אזוי אויך אין דעם טאג נאך דעם), האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו, און משה רבינו האט איבערגעגעבן די אידן, וואס זיי דארפן טאן.

צום אלעם ערשטן (גלייך אין דעם דריטן טאג פון חודש) האט מען אנגעזאגט אידן זיך אפצוהיטן פון זאכן וואס מען דארף זיי **ניט** טאן – ״השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו גו׳ לא תגע בו גו״״ (היטן פון אנרירן זיך אין בארג);

און דערנאך (אין דעם פערטן טאג פון חודש) וואס זיי דארפן **יע** טאן: ״וכבסו שמלותם״ - צוגרייטן זייערע קליידער, און אוודאי זיך אליין (דאס וואס איז אנגעטאן אין די קליידער), צו קבלת התורה.

קומט אויס, אז אידן האבן זיך אנגעהויבן גרייטן בפועל ממש צו מתן תורה אין דריטן טאג פון חודש.

פון דעם איז פארשטאנדיק, אז אזוי דארף זיין יעדן יאר, בשעת עס קומט דער טאג פון שלישי בסיון, דארף מען אנהויבן טאן די הכנות צו קבלת התורה אין א **פועל ממש**.

דאס הייסט:

נאך דער אלגעמיינער הכנה וואס דארף זיין אין שני בסיון (און נאך פאר דעם - ראש חודש סיון), אנצונעמען אויף זיך צו טאן אלץ וואס דער אויבערשטער הייסט, ״נעשה״ - און אננעמען אויף זיך אין אזא אופן אז דאס זאל זיכער ווירקן אויף די קומענדיקע טעג -

איז בשעת עס קומט דער טאג פון שלישי בסיון, דארף מען אנהויבן מקיים זיין דעם באשלוס פון ״נעשה״ אין פועל ממש: און אין ביידע פרטים - סיי טאן די זאכן וואס מען דארף זיי טאן, סיי צו זיין **אפגעהיט** פון די זאכן פון וועלכע מען דארף זיך אפשיידן.

ווי מיר זעען, אז באלד ביים אנהויב פון טאג, פאדערט זיך פון א אידן – אפילו קינדער – ביידע זאכן, סיי ״עשה״ און סיי ״לא תעשה״.

די ״עשה״ וואס עס דארף זיין בא יעדער אידן, אויך זייענדיק גאר קליין, גלייך אין אנהויב טאג איז: באלד ווי ער כאפט זיך אויף פון שלאף, דארף מען זאגן ״מודה אני לפניך כו״״;

און די ״לא תעשה״ אין אנהויבם טאג איז זיין אפגעהיט פון טאן עפעס און אפילו ניט אנרירן זיך אין קיין זאך, איידער ער גיסט אפ נעגל–וואסער.

*(פון ״דער רבי רעדט צו קינדער״ - ג׳ סיון תש״מ)*



# משיח נאו!

דער רבי האט אמאל געזאגט: עס איז א באוואסטע זאך אז ״קנה עבד קנה אדון לעצמו״ - איינער וואס קויפט א קנעכט קויפט פאר זיך א האר (א בעל הבית אויף זיך), ווייל מען מוז געבן אן עבד אלס וואס ער דארף, אפילו אויב דורך דעם וועט ביי דיר עפעס פעלן. דער אויבערשטער האט געקויפט אידן אלס זיינע קנעכט, איז דערפון פארשטאנדיק, אז ער מוז געבן אידן אלס וואס זיי דארפן בגשמיות וברוחניות, און בעיקר דאס וואס זיי בעטן אלעמאל – משיח נאו!

# דערציילט מיר א מעשה

**קינדער, מיר ווייסן אז חסידים זיינען ווי איין משפחה, מיר ווייסן אויך אז שלוחים זיינען ווי איין נאענטע משפחה. פיל מאל זעט מען ווי איין שליח העלפט ארויס א צווייטן שליח, און אמאל אפילו ניט ווויסנדיקערהייט.**

*הרב גארדאן, א שליח אין קאליפורניא האט יעדן יום כיפור פאר נעילה געבעטן זיינע מענטשן פאר א נדבה. ער האט פון זיי ניט געבעטן א נדבה פון געלט, נאר א נדבה פון מצוות. גלייך פאר נעילה האט ער געבעטן אז יעדער איינער זאל מנדב זיין א מצוה. איין יאר האט ער געזען ווי ווייט די ״נדבות״ דערגרייכען.*

הרב בארענשטיין איז געווען א שליח אין איטליא. פיל מאל איז ער ארום געגאנגען צו די פלעצער וואו מענטשן קומען צוזאמען פאר ביזנעס, כדי דארטן אויפצוזוכן אידן. ער פלעגט ארום גיין מיט א פעקל פון ״סענדוויטשעס״ און זוכן אידן אז ער זאל זיי קענען געבן עפעס א כשר׳ע זאך צו עסן.

איין יאר ווען ער איז געווען דארט האט ער געזען א מאן און א פרוי וואס האבן אויסגעזען ווי אידן. פון דעם אופן וויאזוי זיי האבן אים אנגעקוקט, האט ער פארשטאנען אז זיי זיינען זיכער אידן. דער מאן האט געפרעגט דעם שליח, ״קען איך דיר העלפן? וואס זוכסטו דא?״

״איך האב געוואלט פרעגן אייך די זעלבע זאך. איך בין געקומען אייך העלפן.״ האט דער שליח געזאגט.

״אדאנק, אבער וואס פאר א הילף קענסטו אונז געבן?״

״איך האב דא כשר׳ע עסן און איך בין זיכער אז איר זייט הונגעריג.״

דער מאן און די פרוי האבן זיך אנגעקוקט מיט גרויס וואונדער און ערשטוינונג. ״וויאזוי האסטו געוואוסט? מיר זיינען טאקע זייער הונגעריג און מיר האבן ניט געוואוסט וואו מיר קענען געפינען דא כשר׳ע עסן.״

די אידן האבן צופרידנערהייט גענומען דאס עסן, און זיי האבן זייער אפגעדאנקט דעם שליח. נאכדעם האבן זיי אים געפרעגט ״צודען קענסטו אונזער שליח הרב גארדאן פון קאליפארניא? זעט אויס אז ער האט דיר געשיקט.״

״זיכער קען איך הרב גארדאן, אבער פארוואס טראכסט דו אז ער האט מיר געשיקט?״

״מיר ווילן דיר עפעס דערציילן. דעם יום כיפור אין שול האט אונזער שליח הרב גארדאן געבעטן אז יעדער איינער זאל צוזאגן א נייע מצוה. האבן מיר באשלאסן אז מיר וועלן זיין פארזיכטיג עסן נאר כשר׳ע זאכן, אפילן ווען מיר זיינען ניט אין שטוב. ווען מיר זיינען אנגעקומען דא האבן מיר געזען אז עס איז ניטא קיין פלאץ, וואו מען קען קויפן כשר׳ע עסן. מיר האבן געקויפט פרוכט, אבער נאך א גאצען טאג פון ארום גיין זיינען מיר געווארן זייער הונגעריג. מיר האבן שוין אנגעפאנגען טראכטען אז אפשר איז עס ניט אזוי געפערליך אויב איין מאל אלס אויסנאם וועלן מיר עסן עפעס ניט כשר׳ס. מיר האבן ניט געפילט באקוועם מיט דעם, אבער מיר האבן געפילט אז מיר האבן ניט קיין אנדערע מעגליכקייט. פלוצלונג זעען מיר דיר, א חסיד, און דו פרעגסט אונז אויב מיר ווילן עסן עפעס כשר׳ס. ווי אזוי האסטו אונז געפונען?!״

״ניט איך, נאר דער ליובאוויטשער רבי, וועלכער ווייס וואו צו געפינען יעדען אידן, האט אייך געפונען!״

TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת במדבר

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוו'זים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

קוק אריין אין פרשת במדבר און געפין וואו יעדער שבט האט גערוהט. שרייב אריין דעם נאמען פון דעם שבט אין דעם ריכטיגען פלאץ.




ראובן
שמעון

משה & אהרן
גרשון
קהת
מררי

יהודה
יששכר
זבולון
דן
נפתלי
גד
אשר
מנשה
אפרים
בנימין

די געווינער פון פרשת בהר-בחוקותי: פעסי פישער, 6

הצלחה רבה

נאמען:______________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:________________________________________

________________________________________

אימייל:_________________________